בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן יום טוב טיש

חג הפסח
ט"ו ניסן שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 17
(32)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי הָאט עוֹלָה גֶעוֶוען מַפְטִיר אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, אַ בָּחוּר בֶּעפָאר זַיין בַּר מִצְוָה; נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז, מִזְבּוּב וְעַכְּבִישׁ [חֵלֶק ג].

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

**אוּן אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ בַּארְג אִיז אַ טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָנְגֶישְׁרִיבְּן דִי נִימוּסִים פוּן דֶעם בְּלֶעטְל וָואס סֶע מֵגִין אוֹיף אִים. פוּן אַ וָואסִירֶע אוּמָה סֶע אִיז.**

דֶער טָאוְול (טַאבְּלִיצֶע) דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּארוּאִיגְט אַלֶע וֵוייטָאגְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם מֶעדֶעצִין וָואס בַּארוּאִיגְט שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאגְן [פֶּעינְקִילֶע"ר], - נָאר עֶס אִיז אַסַאךְ מֶער פוּן דֶעם, וַוייל דֶער מֶעדֶעצִין אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט מֶען זָאל דָאס נֶעמֶען אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, דָאס נֶעמְט מֶען נָאר צוּ בַּארוּאִיגְן דִי שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאגְן וָוען מֶען הָאט גָאר שְׁטַארְקֶע יְסוּרִים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל

<<<

### אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן יוֹם טוֹב טִישׁ

דֶער הֵיילִיגֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז לֵיידֶער אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג בִּיז עֶר אִיז לֹא עָלֵינוּ גֶעוָוארְן אַ גַלָח אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף. דֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז זַיין תַּלְמִיד זָאל אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דֶעם תַּלְמִיד אוּן אִים אַלֵיין פְרֶעגְן דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְט דֶערְצוּ, בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים.

הָאט דֶער תַּלְמִיד דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם נוֹדַע בִּיהוּדָה. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן 'טֶעג', יֶעדְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן בַּיי צְוֵוייטְן בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטָאט.

אֵיינְמָאל אִין אַן עֶרֶב פֶּסַח הָאט דֶער בָּחוּר גֶעגֶעסְן בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת, דֶער בַּעַל הַבַּיִתְ'טֶע הָאט גֶעמַאכְט אַ קַארְטָאפְל קוּגְל, אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֵוייצְל אִינֶעם קוּגְל. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר צוּם נוֹדַע בִּיהוּדָה צוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶסְן דֶעם קוּגְל, אוּן דֶער בָּחוּר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם נוֹדַע

<<<

נָאךְ אַן אָפֶּעראַציֶע וְכַדּוֹמֶה, און נָאךְ אַפָּאר טֶעג וֶוען דִי יִסוּרִים הֵייבְּן אָן נָאכְצוּלָאזְן מוּז מֶען עֶס אוֹיפְהֶערְן צוּ נֶעמֶען אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט נָאךְ אַבִּיסְל דִי וֵוייטָאג, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה דָאס נִיצְט שְׁטֶענְדִיג, דָאס קֶען מֶען טוּן יֶעדְן טָאג, ווִי נָאר מֶען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען בַּארוּאִיגְט דָאס דִי יִסוּרִים וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, דָאס קִילְט אָפּ דִי נֶערְוְון.

דִי תּוֹרָה אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן דֶערִין וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אַ צָרָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת און יִסוּרִים זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און דוּרְכְדֶעם וֶועלְן דִי צָרוֹת און יִסוּרִים אַוֶועקְגֵיין. חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג): "מָשָׁל לְצִפּוֹר שֶׁבָּרַח מִן הַצַּיָּד וְנָפְלָה לְתוֹךְ יָדוֹ שֶׁל אַנְדְּרוֹאַנְטִיָּא, כֵּיוָן שֶׁרָאָה אוֹתוֹ הַצַּיָּד הִתְחִיל מְקַלְּסָהּ וְאָמַר לָהּ כַּמָּה נָאָה בְּרִיחָה שֶׁבָּרַחְתְּ", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, דִי פֵייגְל אִיז גֶעפְלוֹיגְן פוּן אֵיין בּוֹים צוּם צְוֵוייטְן בּוֹים, אַלְץ זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעסֶערֶע פַאנְגֶערְס, בִּיז דִי פֵייגְל הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט: 'עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין עֵסֶק צוּ לוֹיפְן אַהֶער און אַהִין, אִיךְ דַארְף טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן דִי פַאנְגֶערְס', הָאט זִי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, וַוייל דָארְט בַּיים הֵיכַל הַמֶּלֶךְ וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף אִיר; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת און יִסוּרִים אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען זִיךְ לוֹיפְן בַּאהַאלְטְן - בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר עֶפְנְט זַיין גְמָרָא, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דָאס וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין פַּיין.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אֵיין יָאר חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת זַייעֶנְדִיג מִיט זַיין

---

בִּיהוּדָה מִיט דִי שְׁאֵלָה. דֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפַלְפֵּל זַיין אִין דִי הֲלָכָה: "עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען עֶס מַתִּיר און עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס אַסְרְ'ן עֶס", "אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה - הָאט דֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה אוֹיסְגֶעפִּירְט - הַאלְט אִיךְ אַז עֶס אִיז אָסוּר", און עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן בָּחוּר פַארְוָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אַזוֹי.

דֶער בָּחוּר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח, וֶוען חָמֵץ טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן און מַצָּה קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן, און פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער הָאט דֶער בָּחוּר זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה הָאט דָאךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע שִׁיטוֹת וָואס הַאלְטְן אַז מֶען מֶעג עֶס יָא עֶסְן... גֶעטְרַאכְט און גֶעטוּן, און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דֶעם גַאנְצְן קוּגְל... און פַאר'ן בַּעַל הַבַּיִת הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה הָאט עֶס גֶעאַסֶר'ט און אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט דֶעם קוּגְל.

גְלַייךְ נָאכְ'ן אוֹיפְעֶסְן דֶעם קוּגְל הָאט אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם בָּחוּר: "קוּק ווִי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן חָמֵץ אוּם פֶּסַח וָואס דָאס אִיז אַזוֹי הָארְבּ, און אַזוֹי הָאט עֶר אַרַייְנְגֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע מָרָה שְׁחוֹרָה און יֵאוּשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ וַוייל עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַזַא הַארְבֶּע אִיסוּר.

בַּייְנַאכְט וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט גֶעדַארְפְט לֵייגֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'אִיךְ גֵיי יֶעצְט לֵייגֶען קְרִיאַת שְׁמַע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן הַיינְט אַזַא הַארְבֶּע אִיסוּר', און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע. אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר שׁוֹין אַוַדַּאי זִיךְ נִישְׁט גֶעוואַשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַן אִיסוּר כָּרֵת, און עֶר אִיז שׁוֹין

<<<

טאַטען בּיים הייליגן סאַטמאַר'ער רֶבּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ איז אַ איד אַריינגעקומען צום רֶבּי'ן און געוויינט און געשריגן אַז בּיים צווייטן וועלט מִלְחָמָה האָט ער אַלעס פאַרלוירן, זיין גאַנצע מִשְׁפָּחָה איז דאָרט אומגעקומען לאֹ עָלֵינוּ, איין איינציגער אייניקל איז אים איבּער געבּליבּן נאָכ'ן קריג, ער האָט געמיינט אַז כאָטש פון דעם אייניקל וועט איבּערבּלייבּן דוֹרוֹת פון אים און יעצט איז ער נעבעך דערטרונקען געוואָרן אין אַ שווים בּאַסיין (סווימינג פּול) און אַוועק פון די וועלט, האָט ער געוויינט צום רֶבּי'ן אַז ער האַלט עס נישט אויס, דער רֶבּי האָט מיטגעוויינט מיט אים און אים געזאָגט: "וואָס טו איך ווען איך טראַכט וואָס עס איז אַריבּער אויף מיר, אַז איך האָב אַלעס פאַרלוירן לאֹ עָלֵינוּ? איך אַנטלויף צו די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה; איך נעם אַ גְמָרָא און איך הייבּ אָן לערנען, אַזוי פאַרגעס איך פון אַלע מיינע צָרוֹת". דער רֶבּי האָט אויך פאַרלוירן אַלע קינדער לאֹ עָלֵינוּ, וואָס איז די עֵצָה?

וואו קען מען אַנטלויפן? נאָר צו די הייליגע תּוֹרָה דאָס בּאַרואיגט אַלע ווייטאָגן.

מיר האָבּן נישט קיין חִידוּשִׁים, מיר חַזֶר'ן נאָר איבּער שטענדיג די זעלבּע זאַכן. מוֹהֲרַ"שׁ פלעגט דאָס צוגליכן צו די הֲלָכָה וואָס די מִשְׁנָה זאָגט (בָּבָא מְצִיעָא כט): "מָצָא כְּסוּת, מְנַעֲרָהּ אַחַת לִשְׁלֹשִׁים יוֹם", ווען איינער טרעפט אַ קלייד זאָל ער עס אויסשאָקלען איין מאָל אין דרייסיג טעג כְּדֵי די קלייד זאָל ווערן אויפגעפרישט און נישט פאַרשטויבּט און מילבּיג, די זעלבּע איז מיט יִרְאַת שָׁמַיִם דאַרף מען אויך חַזֶר'ן און אויפפרישן די זעלבּע זאַכן יעדע שטיק צייט.

דער הייליגער רֶבּי האָט אונז געגעבּן אַ 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' אַ וועג פאַר יעדן איינעם צו לערנען אָן אויסנאַם, דער רֶבּי זאָגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מען דאַרף נישט פאַרשטיין דאָס לערנען,

סיי ווי אָפּגעריסן פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער און ווייטער, פון איין עֲבֵירָה צו נאָך אַן עֲבֵירָה, בּיז ער איז אַזוי אַראָפּגעפאַלן אַז ער האָט זיך לאֹ עָלֵינוּ גע'שְׁמַד'ט און געוואָרן אַ גַּלָּח, און דערנאָך אַ בּישוף.

פאַרשטייט זיך אַז דער נוֹדָע בִּיהוּדָה האָט גערעדט מיט אים, בּיז ער האָט אים מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה געווען, ער האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע זיינע נאַרישקייטן, און איז צוריק געוואָרן אַן ערליכער איד.

זעט מען פון די מַעֲשֶׂה די וויכטיגקייט פון דאָס וואָס דער רֶבּי לערנט אונז אַז מען דאַרף שטענדיג קוקן נאָר אויף די גוטע נְקוּדוֹת וואָס מען האָט, ווייל אויבּ מען וועט זיך נישט שטאַרקן מיט די גוטע זאַכן, נאָר מען וועט קוקן אויף די שלעכטע חֲלָקִים וואָס מען האָט, קען מען זיך אַזוי ווייט דערקייקלען בּיז'ן אַוועקגיין פון אידישקייט רַחֲמָנָא לִצְּלַן.

פאַרקערט, ווען אַ איד שטאַרקט זיך צו קוקן נאָר אויף די גוטע חֲלָקִים וואָס ער האָט, אֲפִילוּ ווען ער קוקט זיך גוט אָן און זעט אַז ער איז זייער ווייט פונעם אייבּערשטן, ער איז שוין ליידער דורכגעפאַלן מיט שווערע עֲבֵירוֹת, און פון דעסט וועגן שטאַרקט ער זיך צו קוקן נאָר אויף די גוטע זאַכן וואָס ער האָט געטון, דאַן איז ער זוֹכֶה אַז ער ווערט טאַקע אַן אֱמֶת'דיגער ערליכער איד.

רֶבּי נָתָן זאָגט אַז מָשִׁיחַ וועט איינגעמען די וועלט דורך דעם וואָס ער וועט אַריין בּרענגען דעם לימוד, אַז מען דאַרף זיך נאָר שטאַרקן און נאָר קוקן אויף די גוטע גוטע זאַכן וואָס מען טוט און זיך פרייען מיט דעם, און אַזוי זאָגן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פְּסִיקְתָּא דְּרַבִּי כַּהֲנָא) אַז מָשִׁיחַ וועט זיין אָנגעטון מיט אַזאַ בֶּגֶד וואָס וועט האָבּן אין זיך די גוטע זאַכן פון אַלע אידישע קינדער.

(קוּנְטְרֵס 'אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח' אוֹת ה)

מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, 'וּמִמֵּילָא יָבִין' אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין סֵיי וִוי פַארְשְׁטֵיין, דָאס זֶען מִיר הַיינְט בַּיים בַּר מִצְוָה בָּחוּר, עֶר גֵייט צוּ זַיין בַּר מִצְוָה מִיט רוֹב שַׁ"ס, עֶר הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט זַיינֶע לֵיידִיגֶע צַייטְן, עֶר הָאט פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאלְט עֶר שׁוֹין כִּמְעַט בַּיים עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל.

נָאר מַחְמַת דֶער בַּארְג אִיז הוֹיךְ. קָאן מֶען נִיט לֵיינֶען דָאס כְּתָב. נָאר אוּנְטְן אִיז גִיוֶוען אַ טַאבְּלִיצֶע. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז וֶוער סֶע הָאט אַלֶע צֵיין. דֶער קָאן אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן): דִי צֵיין וַוייזְט אוֹיף דִי עֶסְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִיז דָאס עֶסְן, עֶר זָאל עֶסְן נָאר כָּשֶׁר'ס, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ נִישְׁט וָואס עֶר עֶסְט, עֶר עֶסְט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְשְׁטָאפְּט דָאס זַיין הַארְץ עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶערְפַאר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג אוֹיפְ'ן טָאוְול: "וֶוער סֶע הָאט אַלֶע צֵיין. דֶער קָאן אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג", דָאס מֵיינְט אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע צֵיין, עֶר עֶסְט נָאר וָואס מֶען מֶעג, דֶער קֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בַּארְג, עֶר וֶועט קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גִיגֶעבְּן אַז סֶע וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אַ גְרָאז דָארְט וִוי מֶען בַּאדַארְף אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַז וֶוער סֶע קוּמְט אַהִין. פַאלְין אִים אַרוֹיס אַלֶע צֵיין. סַיי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ פוּס. סַיי עֶר הָאט גִירִיטְן. סַיי עֶר אִיז גִיפָארִין אִין אַ וָואגִין מִיט בְּהֵמוֹת. זֶענֶען אַלְץ אַלֶע צֵיין אַרוֹיס גִיפַאלִין. זֶענֶען דָארְט גִילֶעגְן הוֹיפְן וַוייס מִיט צֵיין. אַזוֹי וִוי בֶּערְג.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעזֶעצְן אִין גַאס אִין אַ שְׁפִּיל פְּלַאץ (פַּארְק) אוּן גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן רֶעדְנְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, אִינְמִיטְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע גוֹיִם אוּן הָאבְּן אִים בַּאמֶערְקְט זִיצְן שָׁאקְלְנְדִיג זַיין מוֹיל מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן לַאכְן פוּן אִים וְכוּ', אִיז אֵיינֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים זָאגְן אַז אַלֶע לַאכְן פוּן אִים, הָאט עֶר גֶעעֶפֶענְט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזֶען וִוי אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן לַאכְן פוּן אִים, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "צִי דֶען וֶועגְן קֶעסְטֶעלֶעךְ צֵיינֶער זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?!" אוּן הָאט צוּרִיק פַארְמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה, דֶער בַּארְג דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, וֶוען אֵיינֶער וִויל קוּמֶען צוּם צַדִּיק, עֶר וִויל פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, פַאלְן אַסַאךְ צֵיינֶער, דָאס הֵייסְט, עֶס עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף קֶעסְטֶעלֶעךְ מִיט צֵיינֶער וָואס לַאכְן... יֶעדֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִים, אָה דוּ בִּיסְט אוֹיךְ פוּן דִי שְׁוָואכֶע...? וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן דֶערְפוּן, עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן 'זָאל אִיךְ דֶען אוֹיפְגֶעבְּן מַיין חִיוּת, מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם צוּלִיב קֶעסְטֶעלֶעךְ צֵיינֶער?!'

לָאמִיר אַהֵיימְגֵיין זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.